STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04844

DOS LEBN FUN DI YIDN IN MEZRITSH UNTER DER DAYTSHER OKUPATSYE, UN ZEYER UMKUM

Lew Frydman

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael Solomon
in memory of
Stanley Solomon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעוו פרידמאַן, מגר.

דאָס לעבן פון די יידן אין מעזריטש אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, און זייער אומקום

מיין מוטער, וועלכע איז אומגעקומען
אין טרעבלינקע אין יאָר 1942
צוזאַמען מיט די אַנדערע
מעזריטשער יידן...

מחבר

Printed
by
GRENICH PRINTING CORP.
151 W. 25th Street, New York 1, N. Y.

אַרײַנפֿיר

מעזריטש האָט געשפּילט פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ גרויסע ראָליע אין יידישן לעבן, הגם עס איז געווען אַ קליין שטעטל פֿון 18 טויזנט איינוואוינער, וואו יידן האָבן געבילדעט 70 פּראָצענט. דאָך איז מעזריטש געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן ווי אויך אין אויסלאַנד צוליב איר אייגנאַרטיקייט.

דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט פֿון העכער הונדערט יאָר אַ ספּעציפֿישע אינדוסטריע — די אויסאַרבעטונג פֿון חזיר־האָר. דאָס חזיר־האָר, געבראַנגט פֿון גאַנץ פּוילן און טיילווייז פֿון אויסלאַנד פֿלעגט דאָ ווערן אויסגעאַרבעט. די דאָזיקע אינדוסטריע איז געלעגן אויסשליסלעך אין די יידישע הענט. אין מעזריטש זיינען געווען עטלעכע הונדערט וואַרשטאַטן, וואו עס האָבן געאַרבעט העכער טויזנט בערשטער. עס זיינען אויך געווען פֿיל יידישע גאַרבערייען. מעזריטשער סוחרים פֿון חזיר־האָר און פֿון פֿוטערוואַרג זיינען געשטאַנען אין האַנדלס־באַציאונגען מיט דער גאַנצער וועלט. גאַנץ אָפֿט פֿלעגן באַזוכן מעזריטש יידישע סוחרים פֿון אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער.

אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַרנעמט מעזריטש איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע ערטער צוגלייך מיט ביאַליסטאָק און ווילנע. דאָ איז אַנטשטאַנען דער בערשטער און גאַרבער בונד. מעזריטש האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־טוער.

פאַר דער מלחמה איז דאָ געפּלאַסן זייער שטאַרק דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן. אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן דאָ געפונען אַ פּלאַץ, באַזונדערס שטאַרק זיינען דאָ געווען די אַרבעטער־פּאַרטייען ווי בונד, לינקע און פּועלי־ציון. דאָ זיינען געווען אַ יידישע און העברעאישע שולע, אַ פּויליש־העברעאישע גימנאַזיע, אַ תלמוד־תורה און אַ ישיבה. עס זיינען געווען עטלעכע יידישע ביבליאָטעקן, עס פלעגן אַרויסגיין עטלעכע יידישע וואָכנשריפטן. עס זיינען געווען איינגעאָרדנט יידישע פאַרשטעלונגען פון טעאַטער־ליבהאָבער, עס האָט געבליט דער יידישער ספּאָרט.

דאָס איז געווען ביז דער דייטשער אָקופּאַציע. און איצט?

איך בין געקומען קיין מעזריטש אין יולי 1946. עס האָט מיך געטראָפן די שטאָט מיט פאַרלאָזענע יידישע הייזער, מיט שוואַרצע לעכער אַנשטאָט פענצטער, מיט אָפּגעריסענע דעכער, און אָפּגעהאַקטע ציגל. ווי עס זעט אויס האָט זיך די צאָל איינוואוינער שטאַרק פאַרקלענערט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סך פּאָליאַקן זיינען געקומען פון יענער זייט בוג. דעריבער זיינען פיל הייזער געבליבן נישט באַוואוינט. ווי געווײנלעך האָבן די שכנים זיך מרחם געווען אויף די פאַריתומטע הייזער: ווער עס האָט אַרויסגענומען די פענצטער און ווער די טירן, ווער די אויוונס און ווער דעם דאַך. איצט שטייען זיי נאַקעטע, אַראָפּגעריסן פון יעטוועדן פוץ — סקעלעטן, וואָס באַווײנען זייערע בעלי־בתים.

אין צענטר שטאָט אַ קליינע באַוועגונג, די קראָמען אָפן, איבער די קראָמען גרויסע שילדן וואָס זאָגן אָן, אַז זייערע איצטיקע בעלי־בתים זיינען ריינע אַריער. חוץ די פּוילישע נעמען, וועלכע זיינען אויסגעמאָלט מיט גרויסע אותיות, גיט וועגן דעם צווויסן אָפּט דער אויפשריפט: „פּויליש געשעפט“. די אַרטיקלען וואָס ווערן פאַרקויפט אין די קראָמען זיינען די זעלבע וואָס זיינען אַמאָל געווען אין די זעלבע קראָמען, זיי האָבן בלויז געביטן זייערע בעלי־בתים, בעסער געזאָגט דער קריסט איז אַריין אין אַ יידישער קראָם, צוגענומען די סחורה מיט דער שטעל.

דער מאַרק איז געוואָרן גרויס, ווייל דער ראַד קראָמען איז געוואָרן אַראָפּגענומען. דאָס איז דער זעלבער מאַרק, וואָס מ׳זעט אין דעם אַלבום פון דער „פאַרניכטונג פון פּוילישע יידן“. אויף דעם דאָזיקן מאַרק האָט מען געקליבן די יידן בעת די „אַקציעס“. דאָ זיינען אומגעקומען טויזנטער יידן.

איך גיי אין געטאָ, אַט איז דער גרויסער בית־מדרש. פון זיינע פוסטע פענצטער, ווי פון אויסגעהאַקטע אויגן־לעכער ווייעט אַן אומעט, די אַריינגאַנג־טיר איז פאַרמויערט. ער שטייט ווי אַ שטומער עדות פון שרעקלעכע סצענעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק אויף דעם אָרט. אַנט־קעגן, וואו עס איז געשטאַנען די אַלטע ריזיקע שול (דאָס מערקווירדיקייט פון יידישן מעזריטש), געפינט זיך אַ גרויסער פלאַץ, באַוואַקסן מיט גראָז, עס איז אַפילו קיין סימן ניט געבליבן, אַז אויף דעם אָרט איז אַמאָל געשטאַנען אַ געביידע.

דאָ הויבט זיך אָן דאָס יידישע געטאָ, עס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דער בריסקער גאַס ביז וואַרשעווער. אַרומגענומען דעם אָרעמען קוואַרטאַל פון שטאָט, די „שמולעוויזנע״. איצט, שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ ריזיקן שטח, וואָס ציט זיך ביזן טייך גלייך ווי אַ טיש באַוואַקסן מיט פעלד־גראָז. נאָר די ברוקירטע וועגן, וואָס זעען זיך אַרויס צווישן די גראָזן, צעוואָרפענע ציגל דאָ און דאָרט, און שמות פון ביכער, זאָגן עדות אויף דעם, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ ישוב.

איך גיי אויף דעם יידישן בית־עולם, עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע בילד. דאָרט וואו עס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ הייליק אָרט מיט פרעכטיקע מצבות, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פוסט פעלד. דאָס האָבן זיי, די דייטשע באַרבאַרן באַזייטיקט די מצבות, אויסגעגליכן די קברים, בכדי אָפּצונעמען ביי די מתים זייער רו. די מצבות האָבן זיי צעהאַקט אויף שטיינער צו ברוקירן די שאָסייען, אין אַ ווינקל ליגן די צונויפגעזאַמלטע רעשטלעך פון מצבות אין אַ קופּע ווי אַ זכר לחורבן.

דאָ און דאָרט זיינען שוין אויפגעקומען נייע מצבות, אָבער דאָס זיינען שוין מער סימבאָלישע. זיי דערציילן וועגן טויט פון פאָטער און זון, וועלכע זיינען אומגעקומען פון די דייטשע תלינים, וועגן טויט פון מאַן און פרוי, פון אַ גאַנצער פאַמיליע. צי די קערפּערס פון די דערהרגעטע ליגן טאַקע דאָ אונטער די מצבות — דאָס קען קיינער נישט זאָגן.

די העכער הונדערט יידן וואָס וואוינען איצט אין מעזריטש האָבן זיך צונויפגעשאַרט אין איין ווינקל, אין עטלעכע הייזער וואָס שטייען אויפן מאַרק. האָבן זיי אַליין פאַר זיך אַזוי אָרום, געשאַפן אַ מין געטאָ. נישט חס ושלום ווייל מ׳האָט זיי דערצו געצוואונגען, נאָר פשוט צוליב זיכערקייט, און צוליב אַ געפיל פון אַחדות אין אַנבליק פון דעם גרויסן חורבן, וואָס האָט

אַלגעמיינער בליק אויפֿן געטאָ פֿאַר דער „אַקציע“

געטראָפן מיט זייערע אייגענע אין אַט דער שטאָט, וואָס איז זיי אַזוי טייער און גלייכצייטיק אַזוי פרעמד געוואָרן.

אַט איז די געשיכטע פון די יידן אין מעזריטש אין צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, זייער לעבן און אומקום, צונויפגעזאַמלט אויפן סמך פון דער־ציילונגען פון די לעבן געבליבענע.

— — — — — — — — — — — — —

בעת דער פּויליש־דייטשער מלחמה זיינען בלויז עטלעכע דייטשע זעל־נער־גרופּעס אַריין אין מעזריטש. צוגענומען אין די געשעפטן אַ ביסל סחורה, באַצאָלט אַ לעכערלעכע סומע אין דייטשע מאַרקן, און זיינען אַוועק צוריק. מעזריטש איז דערנאָך פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. די יידישע באַפעלקערונג האָט אָפּגעאָטעמט, געטראַכט, אַז זי איז באַפרייט געוואָרן פון דער סכנה אַריינצופאַלן צום דייטש. עס איז אָבער געווען אַ פריצייטיקע פרייד, ווייל, לויט דעם דייטש־סאָוויעטישן אָפּמאַך האָט די רויטע אַרמיי זיך צוריקגעצויגן ביז איבער דעם בוג. העכער טויזנט יידן, מערסטנטייל יונגע־לייט, זיינען דאַן אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי, נישט וועלנדיק אַריינפאַלן צום דייטש. דער רוב מעזריטשער יידן זיינען געבליבן. הגם מיט אַ שווער האַרץ און ציטער פאַר דער צוקונפט.

דעם 9טן אָקטאָבער 1939 זיינען די דייטשן ווידער אַריין אין מעזריטש. שוין אין דער ערשטער העלפט נאָוועמבער איז אָנגעקומען די געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אויפן צווייטן טאָג אַרעסטירט די אָנגעזעענסטע יידן פון שטאָט און אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ גרויסע קאָנטריבוציע אין געלט. די קהלה האָט פונאַנדערגעלייגט די סומע צווישן דער באַפעל־קערונג, און אַ דעלעגאַציע פון דער קהלה צוזאַמען מיט געסטאַפּאָ־לייט איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב איינצוקאַסירן דאָס געלט. און ביי דער געלעגנ־הייט האָט מען אַ סך יידן, וואָס האָבן אָפּגעשלעפּט מיטן איינצאָלן די אַרויפ־געלייגטע סומע שטאַרק צעשלאָגן. דערביי איז פון אַ האַרץ־אַטאַק — אויס שרעק געשטאָרבן דער אָנגעזעענער ייד אין מעזריטש, דוד צעדערבוים.

די דייטשן האָבן באַזייטיקט די יידן פון אַ טייל פון דער לובלינער גאַס (די הויפּט־גאַס אין מעזריטש) און געהייסן אַלע יידן אָנטאָן אויף דער רעכטער זייט ברוסט אַ געלע לאַטע און אַ גרויסן מגן־דוד. נאָך פיר מאָנאַטן האָבן זיי די געלע לאַטע פאַרביטן אויף אַ ווייסער לענטע מיט אַ מגן־דוד, וועלכע מ׳פלעגט טראָגן אויף דער לינקער האַנט.

די דייטשן האָבן געכאַפּט יידן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן, ווי: רייניקן קלאָזעטן, וואַשן פּאָדלאָגעס, טראָגן פּעק, און דערביי זיינען די אַלע אַרבעטן געווען באַגלייט מיט חוזק מאַכן פון די יידן, אָפּשערן האַלבע בערד א. אַז. וו. יעדער ייד האָט געדאַרפט זיך גריסן פאַר יעדן דייטשן זעלנער און אָפיציר. דאָך איז די ערשטע צייט געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ רואיקע. יידן האָבן געהאַנדלט, געהאַלטן געשעפטן, געפאָרן פריי אויף די באַנען, פלעגן גיין פריי אויפן דאָרף, געעפנט צוריק די בערשטער־פאַבריקן, און אַזוי ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען.

סוף 1939 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ברענגען קיין מעזריטש גאַנצע טראַנספּאָרטן מיט אַרויסגעשיקטע יידן פון אַנדערע שטעט. עס זיינען געקומען יידן פון פולטוסק, ריפּין, סעראַצק, נאַשעלסק, און איז אַ צייט אַרום אויך פון מלאַווע, קראָקע, מיעלץ און פון אַנדערע שטעט, אין צאָל פון העכער 8.000 נפשות. שפּעטער זיינען געקומען יידן פון סקערניעוויץ, ליסקאָוויטש, לוזוויטש און אַפילו אַ טראַנספּאָרט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פון העכער 1.000 יידן, אַזוי אַרום איז די צאָל יידן אין מעזריטש כסדר געשטיגן. די מעזריטשער יידן האָבן אין אָנהייב זייער גוט אויפגענומען די אַרויסגעשיקטע. אַריינגע־נומען זיי צו זיך, געטיילט זיך מיט זיי מיטן לעצטן ביסן ברויט. ווען אָבער די צאָל אַרויסגעשיקטע איז כסדר געוואַקסן און עס האָט פאַר זיי אויסגעפעלט אָרט אין פּריוואַטע וואוינונגען, האָט מען זיי באַזעצט אין די בתי־מדרשים און אין דער שול, ביי גאָר נישט קיין גיגיענישע סאַניטאַרע באַדינגונגען. דאָס האָט אַרויסגערופן עפּידעמישע קראַנקהייטן און נאָך גרעסערע שיקאַנעס פון דער דייטשער מאַכט, וועלכע פלעגט דורכפירן ענטלויזונג־אַקציעס אויף אַ באַרבאַרישן אופן.

לויט דער סיסטעם פון אַנדערע שטעט ווערט אויך אין מעזריטש גע־שאַפן אַ יידן־ראַט. דער יידן־ראַט איז אין דער גרעסטער טייל באַשטאַנען פון אַמאָליקע קהלה־ראַטמענער און צו קאָאָפּטירטע מיטגלידער — צוזאַמען אין דער צאָל פון 24 מאַן. אַלס פאָרזיצער פון יידן־ראַט איז באַשטימט געוואָרן דער פּראָוויזאָר קלאַרבערג, דער אייגנטימער פון „קאָסאָווסקיס אַפּטייק" וועלכער האָט געשטאַמט פון גאַליציע. קלאַרבערג איז ביזן קריג נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעכער טוער און איז פאַר אַ סך מעזריטשער געווען אינגאַנצן נישט קיין באַקאַנטע פּערזאָן. זיין קאַנדידאַטור איז פאָרגעלייגט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס קיין שום אַנדער אינטעליגענט אָדער געזעל־שאַפטלעכער טוער איז נישט מסכים געווען אָנצונעמען דעם אַמט. קלאַרבערג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַטור פאַר די דייטשן,

ער האָט זיי געטריי געדינט. די דייטשן האָבן אים דערפֿאַר באַלוינט, געבנדיק אים דאָס רעכט צו פירן זיין אַפּטייק און צו וואוינען אויסערן געטאָ ביז מאַי 1943 און דאַן, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע „פֿאַרדינסטן“, דערהרגעט אים, און זיין גאַנצער משפחה.

אַלס וויצע־פֿאַרזיצער איז באַשטימט געוואָרן מאַגיסטער משה גליקס־בערג (ישראל גליקסבערגס זון) וועגן וועלכן עס רופן זיך אָפּ די לעבן־געבליבענע יידן נישט שלעכט. דער צווייטער וויצע־פֿאַרזיצער איז געווען דוד וויינבערג. צווישן אַנדערע האָבן צום יידן־ראַט געהערט: משה האַלפּערן, אַלטער שטאָקמאַן, הערש־חיים ראָזענצוויג, חיל קאַגאַן, ישראל וויינער, משה פרידמאַן, מאָטל באַיאַרסקי. (זיי זיינען אַלע אומגעקומען ביי דער ערשטער „אַקציע“), אַליהו קאָזעס, איסער בלייוויס, אברהם מאָרגנשטערן, לזי יצחק אידלבוים, שמואל בויגמאַן,ביידע משה'ס צוקערמאַן, בענצע שייג־מעל און כאַסקל שטיין ((די לעצטע צוויי זיינען געבליבן לעבן) הגם דער יידן־ראַט אַלס גאַנצער האָט אָפּגעשפּילט אַ שענדלעכע ראָליע אין לעבן פֿון די יידן, אין דער טראַגישער צייט פֿון דער אָקופּאַציע און אומקום, איז דאָך די שולד פֿון באַזונדערע ראַטמענער פֿאַרשיידן. אָט האָבן מיר צום ביישפּיל אַ פֿאַל ווען ראַטמאַן הערש־חיים ראָזענצוויג, האָבנדיק אַליין אַ מעגלעכקייט בעת דער ערשטער „אַקציע“ זיך צו ראַטעווען, טיילט זיך נישט אָפּ פֿון דער מאַסע, נאָר קומט אום צוזאַמען מיט די איבעריקע. זיינע ווערטער זיינען געווען: „אויב די גאַנצע עדה גייט אַוועק, גיי איך מיט איידן! איך גיי אין גלות מיט אַלע יידן!“ אין דער זעלבער צייט, האָבן אַנדערע מיטגלידער פֿון דעם יידן־ראַט, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז עס דאַרף פֿאָרקומען אַן „אַקציע“ זיך אויסבאַהאַלטן.

— — — — — — — — — — — —

די ערשטע העלפֿט פֿון יאָר 1940 איז אַדורך אָן ספּעציעלע שיקאַנעס מצד די דייטשן. דער רואיקער פּעריאָד ווערט איבערגעריסן אין יוני 1940. ווען די דייטשן הייסן די גאַנצע מענלעכע יידישע באַפֿעלקערונג אין עלטער פֿון 14—62 יאָר זיך שטעלן אויפֿן אַלטן יידישן בית־עולם, און דאָרטן ווערן זיי, אין אַ צאָל פֿון 2.500 צעשיקט אין זעקס לאַגערן אויף פֿאַרשיידענע אַר־בעטן. מערסטנטייל אויף רעגולירן די טייכן אַרום מעזריטש. די באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט זיינען געווען שווערע. געאַרבעט האָט מען אין וואַסער ביי זייער שלעכטער דערנערונג, צוליב וואָס אַ סך זיינען געשטאָרבן פֿון אויס־מאַטערונג, הונגער, קרענק, אָדער דערשאָסן געוואָרן פֿון אוקראַינישע און פּוילישע היטערס.

פון די לאַגערן קערן זיך אום די יידן שפּעט אין האַרבסט. זיי האָבן שוין אָבער נישט קיין רו, מען כאַפּט זיי כסדר אויף אַרבעט. אויף בויען אַעראָ־דראָמען, אָדער אויף בויען שאָסייען, מען שיקט זיי קיין באַראַנאָוויטש, בריסק, מאָגילאָוויטש און אַנדערע געגנטן, פון וואַנען אַ סך פון זיי קערן זיך שוין נישט אום.

אין דער צייט קומט אויך אָן פון דייטשלאַנד אַן אונטערנעמער, קורט דעלער און עפנט אַ גרויסע אונטערנעמונג אויף אויסצואַרבעטן חזיר־האָר. אַלע פּריוואַטע בערשטער־פאַבריקן ליקווידירן זיך און אַלע בערשטער־אונטערנעמער און בערשטער־אַרבעטער הויבן אָן צו אַרבעטן ביי קורט דעלערן. ער גיט זיי אַרויס אַרבעטס־שיינען, וועלכע שיצן זיי קעגן די כאַ־פּערס. זיין אונטערנעמונג צעוואַקסט זיך ביז קרוב צו 1.000 אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אין זעקס גרויסע וואַרשטאַטן אינגאַנצן אָן לוין. עס ווערט אויך געעפנט אַן אונטערנעמונג פון שאָסיי־בויאונג אויפן נאָמען „סטואַג״, אויך דאָ אַרבעטן די יידן פאַר גראָשנס, אָבי צו באַקומען אַן אַרבעטס־שיין.

נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה ווערט די באַ־ציאונג פון די דייטשן צו די יידן אַ סך ערגער. אין דער צייט אַנטשטייט די יידישע פּאָליציי אין מעזריטש, די פּאָליציי איז געווען זייער פאַרהאַסט ביי דער יידישער באַפעלקערונג צוליב דער שענדלעכער ראָליע, וועלכע זי האָט אָפּגעשפּילט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער פּאָליציי זיינען געגאַנגען מערסטנטייל גנבים. ווי: סראָל לייזקע יעזשימאָווסקי און יידן מיט פאַר־דאָרבענע כאַראַקטערן, ווי חיים ברוקאַרזש, אילטשע טורקעלטויב, שלום וויינבערג, אברהם ראַגאָזשיק, משה קראַוויעצקי, אברהם צוקערמאַן און יאַקוב היטעל. — דאָס זיינען געווען די נאַטשעלניקעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייער געטרייען דינען דעם דייטש, יעדערער פון זיי האָט געהאַט נישט איין ייד אויף זיין געוויסן. נישט בעסער זיינען געווען די פּשוטע פּאָליציאַנטן אַשרקע גאָלדמאַנס בנים: שמעון, עליע און אַברהמל, יאַנקל ליקערמאַן, אברהם ספּיוואַק, בערל קנאַפּמאַכער, בנימין ראַגאָזשיק און איצל קראַוויעצקי. פון דער פאַמיליע שטיין: פּעלטע, יאָסל, שראָליק, אוורעמל, מאָטעק און בערל. גוטשע וואַלדפויגל, הערשל גאָלדשטיין, יאַנקל גרינשטיין, אברהם פּערקעלוואַלד, איזאַק קאַגאַן, שמילקע ווישניע, יאַנקל ביישטיין, אוורעמל ברוקאַרזש (חיים ברוקאַרזשס זינדל) און שימעלע פּטאַשעק.

עס זיינען נאָך געווען פּאָליציאַנטן פון אַנדערע שטעט, „דאָלעק״ פון לעמבערג, קאַגאַן פון באַראַנאָוויטש, ליוביטש פון ביאַליסטאָק און אַנדערע.

די רשימה איז ווייט נישט קיין גאַנצע. די פּאַליציאַנטן האָבן זיך כסדר געביטן, אַ טייל פון זיי האָבן די דייטשן געפּטרט נאָך אין געטאָ, און אויף זייער אָרט זיינען אַלעמאָל אָנגעקומען אַנדערע, אַזוי, אַז צונויפשטעלן אַ פולע רשימה פון יידישע פּאַליציאַנטן אין מעזריטש איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע.

עס זיינען געווען צווישן די פּאַליציאַנטן אויך מענטשן מיט מער האַרץ, וועלכע זיינען געוואָרן פּאַליציאַנטן זוכנדיק אַזוי אַרום אַ וועג פון ראַטעווען זיך. זיי זיינען אָבער נישט געגאַנגען אויף אַ צווייטנס לעבן. צו זיי געהערן: שלומה יאַווערבוים, איזאַק ראָזענצווייג און לייבטשע קאַגוט, וועגן אים דערציילט מען אַז ער האָט געטאָן יידן אַ סך טובות.

אין דעצעמבער 1941 פירן די דייטשן דורך אַ פּוטער־אַקציע. דאָס איז געווען די צייט ווען זיי האָבן דערפילט דעם רוסישן ווינטער, שטייענדיק אונטער מאָסקווע. יידן זיינען געוואָרן אויפגעפאָדערט אָפּגעבן זייער גאַנץ פוטערוואַרג, און פון מעזריטש האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט עטלעכע וואַגאָנען פוטער. ביי דער אַקציע ווערט דערשאָסן דורך די געסטאַפּאָ־לייט מגר. מ. גליקסבערג און נאָך 22 יידן.

אין אַפּריל 1942 פירן דורך די דייטשן אַ גאָלד־אַקציע. זיי האָבן געפאָדערט פון די מעזריטשער יידן 10 קילאָ גאָלד. צוליב דעם, וואָס די יידן האָבן אָפּגעשלעפּט מיטן ברענגען דאָס גאָלד, האָבן זיי דעם 19טן אַפּריל דערשאָסן צוויי ראַטמענער: אברהם מאָרגענשטערן און לזי יצחק איידעלבוימען ווי אויך אַכזריותדיק דערמאָרדעט דעם מעזריטשער רב ראַטשקע, מאַטערנדיק אים שרעקלעך ביים ברונעם, אין די אויגן פון אַ סך יידן. אין דעם זעלבן טאָג איז געפאַלן אויף קדוש־השם דער מורה הוראה ראָזקי. ווען די געסטאַפּאָ איז געקומען אים נעמען, האָבן זיי אים נישט געקענט געפינען. זיי האָבן דאַן געמאָלדן, אַז אויב ער וועט ניט קומען אַליין, וועלן זיי דערשיסן 50 יידן. ווען מ'האָט דאָס איבערגעגעבן דעם מורה הוראה האָט ער געזאָגט: „אויב צוליב מיר דאַרפן אומקומען יידן, גיי איך, און מיט מיר זאָלן זיך שוין ענדיקן די יידישע צרות, איך זאָל זיין דער לעצטער יידישער קרבן!" ער האָט אָנגעטאָן דעם טלית, געזאָגט ווידוי און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. די דייטשן האָבן אים גלייך דערשאָסן. דעם זעלבן טאָג זיינען געפאַלן 35 הרוגים, צווישן זיי אויך דער שעדלעצער רבי פלינקע. די באַרבאַרישע האַנדלונג פון די דייטשן האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די יידן, און עס האָט זיך גלייך אָנגעזאַמלט 7 קילאָ גאָלד.



מעזריטש — אן „אקציע״

נאָך דער „אַקציע" איז געוואָרן אומרואיקע צייט ביי די יידן אין מעזריטש, מ'האָט דערציילט וועגן אַקציעס פון אַרויסשיקן יידן אין אַנדערע שטעט. עס האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, הגם אויפגענומען מיט גרויס סקעפּטיציזם, וועגן פאַרניכטונג פון יידן מחנותווייז. דאָך האָבן די יידן אין מעזריטש געהאַלטן, אַז זיי וועט גאָרנישט געשען, ווייל די דייטשן נויטיקן זיך אין זייער אַרבעט, באַזונדערס אין בערשטער־אַרבעטער. די דייטשן אַליין האָבן אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע מיינונג, זיי האָבן עס אָבער געטאָן בלויז בכדי אָפּצואווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן, און פּאַקטיש האָבן זיי אַרויסגעגעבן אויף די מעזריטשער יידן אַ טויט־אורטייל, אַזוי ווי זיי האָבן עס אַרויסגעגעבן פאַר אַלע איבעריקע יידן אין פּוילן.

אַ יאָר צייט, (פון אויגוסט 1942 ביז יולי 1943) ראַנגלען זיך די יידן אין מעזריטש מיט די דייטשן און מיט זייערע מיטהעלפערס, די אוקראַינער און פּאָליאַקן פאַרן איינהאַלטן זייער לעבן. דער געראַנגל איז מערסטנטייל אַ פּאַסיווער. ער באַשטייט אין באַהאַלטן זיך, אַנטלויפן, אָפּציען דעם אָנקום פון טויט אויף נאָך אַ געוויסער צייט, אַלץ אין דעם גלויבן, אַז אפשר וועט דער גורל פאַר די פאַרבליבענע, גליקלעכער זיין און זיי וועלן דאָך בלייבן לעבן. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן! דער טויט־אורטייל האָט געמוזט ווערן אויסגעפירט, און ווער עס האָט אים אויסגעמיטן אין דער ערשטער צייט, דער האָט נאָך מער געליטן, צוקוקנדיק זיך צום טויט פון די נאָענטסטע, און לעבנדיק כסדר אין שרעק — ביז אין אַ געוויסן מאָמענט איז אויך זיין לעבן איבערגעריסן געוואָרן.

אָנהויב אויגוסט האָט די ראַדזינער געסטאַפּאָ אַרעסטירט אין מעזריטש 36 יידן פון דער אינטעליגענץ, אַמאָליקע געזעלשאַפטלעכע עסקנים און סתם אָנגעזעענע מענטשן. פון זיי האָבן זיי 21 מאַן דערהרגעט, אַ טייל גלייך דערשיסנדיק אין מעזריטש: חיים בראַנשטיין, הערשל שיקער און מאיר פּער־שטענבערג, די איבעריקע פאַרמאַטערנדיק אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ אין ראַדזין, אַרויסגעבנדיק דערנאָך די טויטע קערפּערס אין זעק צו די פאַמיליעס צום באַגראָבן. ((צווישן זיי איז געווען מגר. איזאַק רייכמאַן, מגר. דוד מור־שינסקי, נוטע ביסטריץ, דער אַלטער ר' משה מינץ, חיים פּייערמאַן, גרשון וואַדע). דאָס איז געווען אויסגערעכנט אויף אָנצוּוואַרפן אַ מורא און צו פּאַ־ראַליזירן יעדן פּרואוו פון פאַרטיידיקונג אין די קומענדיקע „אַקציעס".

דעם 25טן אויגוסט איז פאָרגעקומען די אַזוי גערופענע ערשטע „אַקציע". דעם טאָג האָבן די דייטשן געגעבן צו וויסן דער יידישער באַפעלקערונג,

אַז זי דאַרף זיך שטעלן אויפֿן מאַרק־פּלאַץ, ווייל עס וועט פֿאַרקומען די „אויס־זידלונג“, ד. ה. מ׳וועט אַרויסשיקן די יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן אויפֿן מזרח. די יידישע פּאָליציי איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און געמאָלדן, אַז אַלע זאָלן זיך צושטעלן, צוגעבנדיק דערביי, אַז די וואָס האָבן אַרבעטס־שיינען וועלן נישט ווערן אַרויסגעשיקט. די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אויפֿן פּלאַץ. מ׳האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז דאָ קומט נישט פֿאָר קיין געוויינלעכע אַרויסשיקונג, דער מאַרק איז געוואָרן מיטאַמאָל אַרומגערינגלט מיט טויזנטער דייטשישע זעלנער, געסטאַפּאָ, זשאַנדאַרמעריע, אוקראַינער, פּוילישע פּאָליציי און פּוילישע פֿייערלעשער. אויף די באַלקאָנען און אויטאָס, אַרום דעם מאַרק זיינען געשטאַנען דייטשן מיט מאַשין־געווער. מ׳האָט ניט געלאָזט קיינעם אַראָפּגיין פֿון פּלאַץ. מ׳האָט אַפֿילו ניט געגעבן קיין טרונק וואַסער, כאָטש עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. די געסטאַפּאָ האָט גע־חוזקט פֿון די יידן, געהייסן אַלעמען קניען און געטראָטן אויף זיי מיט די שטיוול, אַנדערע האָבן זיך איינגעאָרדנט אַ שפּיל, פֿון וואַרפֿן עפּל, און ווערמען עס האָט געטראָפֿן דער עפּל, דעם האָבן זיי דערשאָסן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויפֿן פּלאַץ האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַן עולם פֿון העכער 10.000 מענטשן, האָבן דאָך די אוקראַינער זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן איבער דער שטאָט צו כאַפּן איבערגעבליבענע און אויסבאַהאַלטענע יידן. עס זיינען דאַן אַרויס־געגעבן געוואָרן פֿון די פּאַליאַקן און דערשאָסן געוואָרן דורך דייטשן און אוקראַינער אַרום 1.000 יידן אין מעזריטש, צווישן זיי זיינען אויך געווען די קראַנקע פֿון שפּיטאָל און די אַלטע לייט פֿון מושב־זקנים.

די צונויפֿגעזאַמלטע יידן אויפֿן מאַרק־פּלאַץ האָט מען אָפּגעפֿירט צום באַן (צווישן זיי אויך מיין מוטער ע״ה) אָנגעלאָדן ווי פֿי אין 50 פֿראַכט־וואַגאָנען, פֿאַרקלאַפּט די פֿענצטער און טירן מיט ברעטער, אַז אַפֿילו קיין לופֿט איז צו זיי נישט אַריינגעקומען, און אָפּגעפֿירט זיי אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

די ערשטע „אַקציע“ האָט באַוויזן צו וואָס עס צילן די דייטשן. נישט געקוקט דערויף וואָס די געסטאַפּאָ האָט די גאַנצע צייט צוגעזאָגט צו שאַ־נעווען די אַרבעטנדיקע יידן מיט זייערע פֿאַמיליעס, האָט מען אָבער ביי דער אַקציע אַרויסגענומען בלויז די נויטווענדיקסטע אַרבעטער פֿון קורט־דע־לער׳ס פֿאַבריק און „סטואג“ מען האָט זיי אָפּגעפֿירט אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער פֿאַרווערנדיק אויף ווייטער דאָס אַרבעטס־אָרט צו פֿאַרלאָזן. זייערע פֿאַמיליעס אָבער זיינען מיט אַלע אַנדערע צוגלייך אָוועקגעשיקט געוואָרן.

אינגיכן האָבן די מעזריטשער יידן אָפּגענומען אַ גרוס פון די אַרויסגעשיקטע. צוויי ברידער ציענקי (הערשל ציענקיס זין איז געלונגען צו אַנטלויפן און קומען צוריק קיין מעזריטש). זיי האָבן דערציילט אַז אַ העלפט פון די אַרויסגעשיקטע זיינען אומגעקומען אין וועג פון היץ און דורשט, די איבעריקע זיינען אָפּגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, וואו מ׳האָט זיי דערשטיקט אין גאַז־קאַמערן.

די ברידער ציענקי האָט מען אָועקגעשטעלט ביי דער סעגרעגאַציע פון די זאַכן נאָך די דערהרגעטע. די זאַכן פלעגט מען נאָך דער סעגרעגאַציע לאָדן אין וואַגאָנען און אַרויספירן פון לאַגער. די ביידע ברידער איז געלונגען אויסבאַהאַלטן זיך צווישן די זאַכן אין וואַגאָן און שפּעטער, ווען דער צוג איז אַרויס פון לאַגער, זיינען זיי אַראָפּגעשפּרונגען און געקומען צוריק קיין מעזריטש. די דערציילונגען פון די ברידער ציענקי האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די פאַרבליבענע יידן אין מעזריטש. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מ׳האָט די ביידע ברידער געמסרט. די דייטשע זשאַנדאַרמעריע האָט זיי פאַררופן צום פאָרזיצער פון יידן־ראַט קלאַרבערג, וואו זיי זיינען געצוואונגען געווען אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן דערציילט איז שקר וכזב און נאָך דעם האָט זיי די זשאַנדאַרמעריע אָפּגעפירט אויפן מאַרק־פּלאַץ און דערשאָסן.

פאַר די פאַרבליבענע יידן נאָך דער ערשטער „אַקציע" איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ אין דעם אָרעמסטן יידישן קוואַרטאַל „שמולעוויזנע". פון וואַרשעווער גאַס לענגאויס דער בריסקער האָבן זיך געצויגן שטעכיקע דראָטן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די יידן פון דער אויסערלעכער וועלט. בישט געקוקט וואָס ביי 11 טויזנט יידן זיינען אומגעקומען אין דער ערשטער „אַקציע" איז אין געטאָ געווען זייער אַ גרויסער דוחק אין אָרט. צוליב דער גרויסער צאָל נישט־מעזריטשער יידן, וועלכע זיינען אַהער פאַרשיקט געוואָרן.

דער געטאָ האָט געהיט די יידישע פּאָליציי אָנגעטאָן אין פּאָליציי־היטלען מיט ווייס־בלויע לענטעס אויף די אַרבל, מיט קאָקאַרדעס אין לאַץ און מיט גומענע שטעקנס אין די הענט. זיי האָבן געהיט, אַז קיין ייד זאָל חס ושלום אַרויסגיין אָן אַ שיין און זאָל ניט אַריינגיין מיט קיין שפּייז, דראָענדיק מיט איינזעצן אין אַרעסט, וועלכן די פּאָליציי האָט איינגעאָרדנט אין געטאָ. די גרעסטע „פאַרברעכער" פלעגן זיי אָפּפירן צו דער פּוילישער פּאָליציי אָדער צו דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, וואָס איז געווען צוגלייך מיטן

טויט. דעם „אויפזיכט“ איבער דעם געטאָ האָבן געהאַט די געסטאַפּאָליט אין ראַדזין. דאָס זיינען געווען אויסוואורפן איינער גרעסער פון אַנדערן. דער שעף פון געסטאַפּאָ אין ראַדזין, פישער, האָט זיך שוין באַרימט געמאַכט נאָך פון פריער מיט זיינע פּאָגראָמען אויף יידן אין כעלם און אין די אַנדערע שטעט. נישט בעסער פון אים זיינען געווען די ברידער דיקאָוו, היינע, בירגער, רעק, דימער און באַק. דימער איז געווען דער שעף פון געטאָ און באַק זיין פאַרטרעטער. זיי אַלע האָבן גענומען אַ דירעקטן אָנטייל אין דעם אויסראָטונגס־פּראָצעס פון די יידן אין מעזריטש, און זיינען געווען די אָנפירערס ביי די „אַקציעס“. דערביי פלעגן זיי כסדר אויספּרעסן ביי יידן געלט און ווערטפולע זאַכן, צוזאָגנדיק נישט צו רירן זיי, אָבער גלייך נאָך דעם האָבן זיי זיך ווידער גענומען צו זייער טייוולאָנישער אַרבעט. דער געפערלעכסטער פון זיי איז געווען היינע, אַ קוילער פון פאַך. ער פלעגט פּערזענלעך אויסהרגענען הונדערטער יידן אָן אַן אָפּקלייב. נישט בעסער פון געסטאַפּאָ איז געווען די דייטשע זשאַנדאַרמעריע. באַזונדערס גרויזאַם איז געווען דער אָבערוואַכמייסטער פראַנץ באַוער, וועלכן די יידן האָבן אַ נאָמען געגעבן „שלעגער“. ער פלעגט שלאָגן און שיסן אָן אַ סיבה, פשוט צוליב אַ שפּיל און פון חיהשן אַכזריות געפיל. ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין שטאָט זיינען די גאַסן פּוסט געוואָרן. יידן און קריסטן פלעגן ציטערן, דערזעענדיק אים. ער איז מערסטנטייל געגאַנגען מיט אַ דרעסירטן הונט, וועלכן ער פלעגט אָנרייצן אויף מענטשן. „שלעגער“ מיטן הונט, דאָס וועט בלייבן לאַנג אין זכרון פון די פאַרבליבענע מעזריטשער יידן.

אין געטאָ האָט דאָס רוב יידן אָנגעהויבן פירן אַן אייגנאַרטיקן לעבן. דער באַוואוסטזיין פון גיכן סוף האָט געשטויסן די מענטשן אַריינצוכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך נאָר. מ׳האָט אויספּאַרקויפט אַלץ פון די שטוב־זאַכן, וועש און אָנטאָן, און פאַר דעם געלט האָט מען געהוליעט ביז צום פאַרגעסן זיך. דאָס משפחה־לעבן איז געוואָרן צעבראָכן. מענער זיינען פאַרבליבן אָן פרויען, פרויען אָן מענער — דאָס האָט געפירט נאָך צו אַ גרעסערער דעמאָראַליזאַציע, צו אַ צוזאַמענלעבן אויף אַ ווילע.

פאַרשטענדלעך אַז די דעמאָראַליזאַציע האָט נישט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט, עס זיינען געווען יחידים און גרופּן, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דער אַלגעמיינער שטימונג.

אין דער צייט אָרגאַניזירט עוזר פלאַסטערשטיין און חיים טכוזש (פון די בלייוויסעס) אַ גרופּע יוגנטלעכע פון אַ 30 פּערזאָן, וואָס האָבן זיך

געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן געווער בכדי צו שטעלן אַ באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד. זיי גרייטן אויך פאָר אַ טייל יידן „קען־קאַרטן", (אַרישע דאָקו־מענטן) די גרופּע איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער וואַרשעווער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און איז געווען אָרגאַניזירט צוליב קאָנספּיראַטיווע צוועקן אויף איר מוסטער אין פינפטלעך. ווי מ׳גיט איבער, דער קוריער — וועלכער פלעגט קומען צו זיי פון וואַרשע, זאָל האָבן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, און זאָל האָבן אַרויסגעגעבן די אָרגאַניזאַטאָרן.ביידע יוגנט־לעכע, עזור פלאַסטערשטיין און חיים טכוזש ווערן אין סעפּטעמבער 1942 אַרעסטירט און געפירט קיין ראַדזין אויף אַן אויספאָרשונג. מורא האָבנדיק אַז מ׳וועט זיי דאָרט שטאַרק מאַטערן און זיי וועלן אפשר אַרויסגעבן זייערע חברים, האָבן זיי כסדר פּראָוואָצירט די באַגלייטנדיקע געסטאַפּאָווצעס, ביז זיי האָבן זיי דערשאָסן אויפן וועג, נישט דערפירנדיק די יוגנטלעכע קיין ראַדזין.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרעסט פון די צוויי יוגנטלעכע איז אויך אומ־געקומען מגר. שמואל בויגמאַן (דעם לאָמען מאַליערס אייניקל). ש. בויגמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון יידן־ראַט, ער האָט אָבער געהאַט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע וואָס האָט ווייניק וואָס געהאַט אַ שייכות צו דער אַלגעמיינער טעטיקייט פון יידן־ראַט. ער איז געווען דער שעף פון דער יידישער פּאָטשט. אַזוי ווי די דייטשן האָבן נישט דערלויבט די יידן צו געניסן פון דער אַלגע־מיינער פּאָטשט, איז די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ צו די יידן־ און פון די יידן געגאַנגען באַזונדער. אָנגעבן און אָפּנעמען די פּאָטשט האָט געהאַט דאָס רעכט בלויז איין ייד. אין מעזריטש איז עס געווען מגר. בויגמאַן. ער האָט זיין אַרבעט אויסגעפירט זייער ערלעך און געהאַט די אָנערקענונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דער גורל האָט געוואָלט אַז ער זאָל צופעליק ווערן אַריינגעצויגן אין דער געשיכטע פון די צוויי יוגנטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן. ווי ס׳ווערט איבערגעגעבן האָט ביים אַרעסטירן איינער פון די יוגנטלעכע געהאַט ביי זיך אַ קאָנווערט מיט פאָטאָגראַפיעס פון פּערזאָנען, פאַר וועלכע זיי האָבן געדאַרפט שאַפן אַרישע פּאַפּירן. ווען מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַפּטייק צום פּאַרזיצער קלאַרבערג, אויף דער ערשטער אויספאָרשונג, האָט דער יוגנטלעכער אַראָפּגעלאָזן דיסקרעט דעם קאָנווערט מיט די פאָ־טאָגראַפיעס אויף דער ערד. דעם קאָנווערט האָט עמעצער שפּעטער פון קלאַרבערגס משפחה אויפגעהויבן און איבערגעגעבן ש. בויגמאַנען, ער האָט אים גלייך צעריסן צוזאַמען מיט אַלע פאָטאָגראַפיעס, וואָס זיינען געלעגן אין קאָנווערט, דאָס איז צוגעטראָגן געוואָרן דער געסטאַפּאָ. מ׳האָט ש.

מעזריטש — אַן „אַקציע“

בויגמאַנען אַרעסטירט און אָפּגעשיקט קיין ראַדזין, וואו מ'האָט אים פאַר־מאַטערט צום טויט.

ווען די יידן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צופּאַסן צו די געטאָ־באַדינגונגען, האָבן די דייטשן זיך ווידער גענומען צו זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט. דעם 6טן אָקטאָבער 1942 האָבן זיי דורכגעפירט די צווייטע „אַקציע". דאָס מאָל האָבן זיי זיך מער אָפּגעלייגט אויף פרעמדע יידן ד. ה. נישט מעזריטשער. מיט דער הילף פון אוקראַינער און פוילישער פּאָליציי, ביי דער מיטהילף פון דער יידישער פּאָליציי האָבן זיי פאַרזאַמלט די יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ. דאָרט זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן קינדער, פרויען און אַלטע לייט און אָפּגע־פירט געוואָרן צום באַן אויף אָנצולאָדן אַ נייעם טראַנספּאָרט מיט קרבנות. די פאַרבליבענע מענער האָט מען אַריינגעטריבן אין דער גרויסער שול. מען האָט זיי דאָרט געהאַלטן אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט, אָן עסן און אָן וואַסער עטלעכע טעג. דערווייל האָבן די אוקראַינער און דייטשן כדי אָפּצושרעקן און סתם זיך אַ שפּיל טאָן, כסדר געשאָסן אויף דער געדיכטער מאַסע מענטשן. ביים אַרויספירן די יידן פון שול זיינען פאַרגעקומען האַרץ־רייסנדיקע סצענעס. אייניקע יידן האָבן געפּרואווט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן דאַך און אויפן בוידעם פון שול, האָבן די אוקראַינער אַרויסגעטריבן זיי פון דאָרטן, און געוואָרפן אין זיי גראַנאַטן. פון די יידן וואָס זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין שול האָבן די דייטשן געשאַפן אַ נייעם טראַנספּאָרט, און אָפּגעשיקט אויף פאַרניכטונג.

ביי דער צווייטער „אַקציע" זיינען גענומען געוואָרן אַ טייל יידן וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער פירמע „סטואַג". אַזוי אַרום זיינען שוין די יידן מיט אַרבעטס־שיינען נישט געווען זיכער מיט זייער לעבן. צוזאַמען זיינען ביי דער צווייטער „אַקציע" אומגעקומען ביי 7.000 נפשות. צו דער דריטער „אַקציע" וועלכע איז פאַרגעקומען דעם 27טן אָקטאָבער האָבן די דייטשן צונויפגעטריבן אַ סך יידן פון די נאָענטסטע שטעט: ראַדזין, ביאַלע, וולאַ־דאַווע, פּאַרצעווע און אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. אַ טייל פון זיי איז גלייך געוואָרן אָפּגעשיקט אויף פאַרניכטונג, און די איבעריקע האָט מען פאַר־שפּאַרט אין שול און אין קעלערן.

גלייך נאָך דעם האָבן די דייטשן אָנגעהויבן גרייטן די פערטע „אַקציע". פון 28טן אָקטאָבער ביז דעם 7טן נאָוועמבער נישטערן די דייטשן און אוקראַינער דורך דאָס גאַנצע געטאָ און שלעפּן אַרויס פון דאָרט די באַהאַל־טענע יידן פון זייערע לעכער. און דאַן — צוזאַמען מיט די פאַרשפּאַרטע

רעשטלעך פון דער דריטער „אַקציע" ווערן זיי אָפּגעשיקט קיין טרעבלינקע. בעת דער פערטער „אַקציע" ווערט אויך פאַרניכטעט אַ טייל אַרבעטער פון קורט דע־לערס פאַבריק.

נאָך דער „אַקציע" איז געוואָרן אַ געוויסער שטילשטאַנד אין געטאָ, וועלכער האָט געדויערט העכער אַ האַלב יאָר. יידן זיינען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, מ'האָט זיי דערלויבט צו עפענען אין געטאָ אַ געוועלב, אַ פאַרבעריי, און אויך צוריקשטעלן די יידישע פּאָסט און צו באַקומען צייטונגען. יידן האָבן שוין ווידער געגלויבט, אַז זיי בלייבן לעבן. אין דער צייט איז אויסגעבראָכן אין געטאָ אַ שטאַרקע עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס. יעדן טאָג זיינען געשטאָרבן צענדליקער מענטשן. דאַן איז דערלויבט געוואָרן צו שאַפן אין געטאָ אַן עפּידעמישן שפּיטאָל, אַדאַנק וועלכן די עפּידעמיע איז ביסלעכווייז געוואָרן שוואַכער. אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דעם שפּיטאָל האָט דר. א. קאַזעס. אַ גרויסן אָנטייל אין אַרבעט פון שפּיטאָל האָט גענומען כאַסקל שטיין.

סוף דעצעמבער 1942 זיינען די בערשטער־אַרבעטער פון קורט דע־לערס פאַבריק אין צאָל פון 500 פּערזאָן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טראַווניק (לובלינער געגנט) וואו מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן נישט גערירט ווערן און אַרבעטן ביי גוטע באַדינגונגען. זיי האָבן פאַקטיש דאָרט געאַרבעט ביז מאַי 1943. נאָכדעם זיינען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק, וואו זיי זיינען דעם דריטן נאָוועמבער 1943 אומגעקומען צוזאַמען מיט קרוב צו 20.000 געפאַנגענע יידן, אַכזריותדיק דערהרגעט אין משך פון איין טאָג.

דאָס פאַרהעלטענישמעסיק רואיקע לעבן, וואָס די יידן האָבן געפירט אין געטאָ נאָך דער פערטער „אַקציע" איז אויפגערודערט געוואָרן אין דער „סילוועסטער־נאַכט" פון דעם 31טן דעצעמבער 1942, ווען ביאַלער געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיך אָנגעשיכורט און זיינען אַראָפּגעקומען אין מעזריטשער געטאָ אַ ביסל אַ הוליע טאָן. זיי זיינען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָבן געשאָסן ווען מען זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן. די נאַכט זיינען געפאַלן 51 הרוגים. אין פעברואַר 1943 זיינען אויך דערהרגעט געוואָרן פון די דייטשן 10 יידישע פּאָליציאַנטן, צוזאַמען מיטן הויפּט פון דער יידישער פּאָליציי ח. ל. ברוקאַזש, בראש.

ווען די דייטשן האָבן אַנטדעקט, אַז די פּאָליציי פלעגט אַריינפירן אין געטאָ פאַר גראָבע געלטער, שפּייז און אַנדערע סחורות, האָט מען זיי אַרעס־טירט און דערשאָסן אויפן בית־עולם. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן

די איבעריקע יידישע פּאָליציאַנטן. אַ טייל פון זיי האָבן די דייטשן דערהרגעט, אַ טייל אַריינגעשטופּט אין די טראַנספּאָרטן צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, פאַרמשפּטע צום טויט. דער פּאָליציאַנט שמעון גאָלדמאַן, וועלכער איז געווען אַממערסטן פאַרהאַסט ביי די יידן איז דערהרגעט געוואָרן אין געטאָ דורך אַ יידן, גראָד דאַן ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט זיין געליבטער. אַזוי האָבן אויך די יידישע פּאָליציאַנטן געטיילט דעם גורל פון אַלע איבעריקע יידן, הגם אַ סך פון זיי האָבן געטראַכט, אַז צוליב דעם טרייען דינען דעם דייטש וועלן זיי בלייבן לעבן...

דעם 2טן מאַי 1943 איז פאָרגעקומען די פינפטע „אַקציע". די אַקציע האָט געדויערט צוויי טעג. די דייטשן מיט די אוקראַאינער האָבן ווידער דורכגענישטערט דאָס גאַנצע געטאָ זוכנדיק די אויסבאַהאַלטענע יידן. ווייל צו דער צייט האָבן אַ סך יידן אויסגעגראָבן אונטער דער ערד טיפע און מוסטערהאַפט־פאַרקאָנספּירירטע באַהעלטענישן. עס האָבן זיך ליידער געפונען איינצלנע יידן ווי, בערל קנאָפּמאַכער, ביומטשע פעלדמאַן, שרה קאַגוט, שימעלע פּטאַק און אַנדערע, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן צו די דייטשן אַ סך באַהעלטענישן, מיט דעם נאַרישן גלויבן, אַז זיי וועלן קענען אַזוי אַרום ראַטעווען זייער אייגן לעבן. די דייטשן האָבן אָבער זיי אַליין דערהרגעט מיט עקל אַלס פאַררעטער. די דייטשן האָבן פון די באַהעלטענישן אַרויסגעשלעפּט די יידן, זיי סעגרעגירט און אָפּגעשיקט די אַלטע לייט און קינדער קיין טרעבלינקע, און די אַרבעטספעאיקע קיין מאַידאַנעק. דערביי איז אויפן בית־עולם דערשאָסן געוואָרן אַרום 800 יידן. עס איז אויך אין דער זעלבער צייט דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ דער יידישער דאָקטאָר ליכטענבערג. דער צווייטער יידישער דאָקטאָר א. קאַזעס און זיין גאַנצע פאַמיליע, נישט וועלנדיק אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט, זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די פינפטע „אַקציע" האָט שוין גוט באַוויזן די יידן, אַז זיי האָבן שוין נישט וואָס צו ריכטן זיך אויף דעם חסד פון די דייטשן. דאַן, שאַפן זיך קליינע גרופּעס באַוואָפנטע יידן, וועלכע גייען אַוועק, מערסטנטייל אין זשעראַצינער וואַלד. עס גייט אַוועק יאַנקל גאָלדבערג מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע צו וועלכער ס'געהערן, זיין זון לייבל גאָלדבערג, די צוויי ברידער יאַדלער, לייבל העכט, חיים גרינבוים, הערשל קאַגוט, אברהם, הערשל, און חיה בוימגאַרטן א. אַ. פון זיי זיינען — הערשל בוימגאַרטן און חיים גרינבוים דערהרגעט געוואָרן בעת זיי זיינען געקומען אין שטאָט נאָך ברויט פאַר דער גרופּע. זיי האָט אַרויסגעגעבן דער דעמאָלטיקער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, ליוביטש.

מעזריטש — אן „אקציע״

עס שאַפט אויך אַ באַוואָפנטע גרופּע פּתחיה גאָלדפאַרב (יאָסל וויטאָר־זשעס איינִיקל) צו וועלכער ס׳געהערן ברוך אַקסענהאָרן, הערשל בודלבערג, די ברידער אַנגיעלטשיק, פייוול דער רויטער און נאָך אַנדערע מעזריטשער און נישט מעזריטשער יידן. פּתחיה גאָלדשטיין איז געוואָרן אַרויסגעגעבן צו די דייטשן דורך דער יידישער פּאָליציי. וויסנדיק אַז ער דאַרף גיין ביינאַכט אין וואַלד מיט דער גרופּע, האָט די זשאַנדאַרמעריע אים אָפּגעוואַרט אויפן וועג און געעפנט אויף זיי אַ פייער פון מאַשין־געווער און זיי זיינען אַלע געפאַלן.

עס זיינען נאָך אַנטשטאַנען אַנדערע באַוואָפנטע גרופּן: פון טשעכישע יידן ווי אויך פון ישיבה־בחורים. די לעצטע האָבן געוואָרפן אַ לאָזונג, אַז מ׳דאַרף זיך ווערן מיט געווער און גאָט וועט העלפן. די אַלע גרופּן האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן. די סיבות פון דעם זיינען געווען פאָלגנדיקע: 1) עס איז נישט געווען קיין אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער זאָל קענען אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אַרום מעזריטש, איינשטעלן אַ דיסציפּלין און אַריינטראָגן אַן אידעאישן גייסט אין די קעמפער. די אַקטיווערע עלעמענטן זיינען אַוועק פון מעזריטש נאָך איידער דער דייטש איז געקומען. 2) אין די וועלדער אַרום מעזריטש איז נישט געווען קיין נישט־יידישע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, ווי עס איז געווען אין אַנדערע געגנטן אַן וועלכער די יידן האָבן זיך געקענט אַנשליסן. 3) די דערפער אַרום מעזריטש האָבן נישט געגעבן קיין הילף צו די יידן. פאַרקערט, זיי האָבן זיי נאָך אָפט אַליין פאַרניכטעט. 4) אין די וועלדער זיינען געווען אַ סך רויב־באַנדעס און א. ק.־מיליטער, וועלכע פלעגן אַנפאַלן אויף די קליינע גרופּעס יידן און זיי באַרויבן. צוליב אַט די סיבות איז דער גרעסטער טייל פּאַרטיזאַנער געקומען, נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן אין וואַלד, צוריק אין געטאָ, און ווידער זיך אויסבאַהאַלטן אין די אונטערערדישע גריבער. אַ טייל יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די טראַנספּאָרטן, אַראָפּשפּרינגענדיק פון דעם לויפנדיקן צוג, הגם עס איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט גרויס סכנה, ווייל די דייטשע און אוקראַאינישע וואַך פלעגט שיסן אין די שפּרינגערס. דאָך זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געשפּרונגען צו עטלעכע מאָל און ווידער געקומען אין געטאָ.

נאָך דער פינפטער „אַקציע״ איז אין געטאָ נאָך געווען ביי 1500 נפשות. דעם 26טן מאַי 1942 איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער מעזריטשער זשאַנדאַרמעריע און ווערמאַכט, די זעקסטע „אַקציע״ אין וועלכער ס׳איז פאַרנומען געוואָרן אַרום 1.000 יידן. זיי זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין די באַראַקן אויפן ראַדזינער שאָסיי, וואו די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט אַן א. ג. „קליין

טרעבלינקע". מ'האָט די יידן געהייסן אויסטאָן זיך נאַקעט און דורכגעפירט ביי זיי אַ גרינטלעכע רעוויזיע, בכדי צו געפינען באַהאַלטן גאָלד און ווערט־פולע זאַכן. דאַן האָט מען זיי אָנגעטאָן אין וועש און אָפּגעפירט אַזוי צום באַן, וואו מ'האָט זיי אָנגעלאָדן אין אַ פרישן טראַנספּאָרט און זיי אָפּגעפירט אין מאַידאַנעק.

נאָך דער זעקסטער „אַקציע" האָט עס געהייסן, אַז מעזריטש איז שוין יידן־ריין, דאָך ווען עס זיינען דערהרגעט געוואָרן אין שטאָט דריי דייטשן פון דער ווערמאַכט (ווער עס האָט זיי דערהרגעט איז נישט באַוואוסט) האָט די ווער־מאַכט דעם 18טן יולי 1943 דורכגעפירט די זיבעטע און לעצטע „אַקציע". נאָך דעם איבערנישטערן דאָס געטאָ, האָבן די דייטשן אַרויסגע־שלעפּט פון די באַהעלטענישן נאָך אַ 400 יידן, אַוועקגעפירט זיי אויפן ראַדזינער שאָסיי און דערשאָסן. די פאַרבליבענע אין געטאָ אַרום 100 יידן (צווישן זיי אויך מיין שוועסטער אסתר) זיינען ביסלעכוויז אויסגעשפּירט און דערמאָרדעט געוואָרן פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן עס געטאָן בלויז צוליב חיהשן אַכזריות־געפיל און רויב־צוועקן.

אַזוי איז אונטערגעגאַנגען דער יידישער ישוב אין מעזריטש. ליידער אָן אַ ווידערשטאַנד און אָן אַ קאַמף. עס זיינען יאָ געווען איינצלנע פאַלן פון אינדיווידועלע העלדנטאַטן, דאָס זיינען אָבער געווען מער אַקטן פון פאַר־צווייפלונג, ווי פון באַוואוסטזיניקן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. אַזוי צ. ב. ביי דער פינפטער „אַקציע" בעת די דייטשן האָבן געבראַכט די יידן אויפן בית־עולם צום דערשיסן, האָט אַ יוגנטלעכער חיים פיגע, באַגאָסן אַ דייטש מיט וויטראָל, געוואָרפן זיך אויף אים מיט די פויסטן און געזידלט ביז ער איז געפאַלן פון אַ נאַצי־קויל. ביי דער פינפטער „אַקציע" האָט אויך באַוויזן אַ העלדנטאַט יאַנקל מאַנפּערל. ווען די דייטשן האָבן אים פאַרנומען, האָט ער זיך געוואָרפן אויף זיי, אַרויסגעריסן ביי איינעם פון זיי די ביקס, אויסגעשאָסן, פאַרוואונדעט דערביי איינעם אַ דייטש, און געפאַלן דערשאָסן דורך אַ צווייטן דייטש. יוסף חיים ליבערמאַן, אַ ישיבה־בחור איז ביי דער זעקסטער „אַקציע" פאָרנדיק אין אַ טראַנספּאָרט אַרויס דורך דעם פענצטער און אונטער אַ האָגל פון קוילן, געעפנט פון דרויסן די טיר פון וואַגאָן, בכדי אַ גרעסערע צאָל יידן זאָל קאָנען אַראָפּשפּרינגען. דאָס זיינען די איינצלנע געוואַגטע טאַטן, וואָס צוזאַמען מיט די פאַרטיזאַנער פּרוואוון, לייכטן זיי אַרויס פון דעם אַל־געמיינעם יאוש־געפיל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מעזריטש.

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין פאַלן, פון אַרויסגעבן יידן דורך יידן, שאַנטאַזש, מסירות א. אַ. וו. עס האָט נישט געהאָלפן נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע. די באַרבאַרישע האַנט האָט אַלעמען דערגרייכט, און דער טויט האָט אַלעמען צוגענומען.

די העכער 100 יידן וועלכע זיינען ניצול געוואָרן זיינען דאָס די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק אויסצובאַהאַלטן זיך ביי קריסטן אָדער געלעבט אויף אַרישע דאָקומענטן אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט. אַ קאַפּיטל פאַר זיך, איז אַ גרופּע פון 9 יידן (5 מענער און 4 פרויען) אונטער דער אָנפירונג פון לייבל גאָלדבערג, וועלכע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין מעזריטש אויף אַ בוידעם אין צענטער פון שטאָט. די גרופּע האָט געהאַט איין ביקס, דאָך פלעגט זי מאַכן אָנפאַלן אויף פויערים אין די דערפער און טעראָריזירנדיק זיי צוגענומען שפּייז, און אַזוי האָבן זיי געלעבט ביזן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי. עטלעכע צענדליק יידישע יוגעלייט און פרויען זיינען צוריקגעקומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דאָס זיינען מערסטנטייל געווען די, וועלכע זיינען אָפּגעפירט געוואָרן ביי דער פינפטער און זעקסטער „אַקציע" קיין מאַידאַנעק. פון דאָרט זיינען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַנדערע קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן אויף אַרבעט. על פי נס איז זיי געלונגען אויסצומיידן דעם טויט.

נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן זיינען די מערהייט לעבן־געבליבענע מעזריטשער יידן צוריקגעקומען אויף די אַלטע חורבות, ווידער בויען די אַלט־נייע היים. עס זיינען אויך צוריקגעקומען די אין יענער צייט אַרויסגע־פאָרענע קיין רוסלאַנד, מעזריטשער יידן. צו שטאַרק האָט געלעבט אין זכרון פון די פאַרבליבענע דאָס בילד פון אַמאָליקן מעזריטש, זיי זאָלן אַזוי לייכט רעזיגנירן פון באַזעצן זיך אין זייער אַמאָליקער היים. זיי זיינען געגאַנגען איבער די באַקאַנטע, און איצט — שוין פאַר זיי — פרעמדע גאַסן, איבערן חרובן געטאָ, איבער דעם פּוסטן בית־עולם און נישט געקענט געפינען קיין אָרט פאַר זיך. דאָך זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוואון צו שאַפן אין מעזריטש אַ יידישן ישוב. עס האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַ בערשטער־קאָאָפּעראַטיוו.

עס האָבן זיך באַזעצט עטלעכע יידישע בעל־מלאכהס, אַנדערע יידן האָבן זיך גענומען צום האַנדל.ליידער נישט אויף לאַנג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז, די אַטמאָספער פון דעם היינטיקן מעזריטש האָט נישט קיין שייכות צום אַמאָליקן יידישן מעזריטש. די באַדינגונגען זיינען נאָך נישט רייף געוואָרן

דערצו, עס זאָל זיך קאָנען שאַפן אין דעם נייעם קריסטלעכן מעזריטש אַ יידי־שער ישוב, צו שטאַרק זיצט נאָך דער היטלעריסטישער סם אין די הערצער און מוחות פון דער פוילישער באַפעלקערונג אין דער געגנט פון מעזריטש. די לעצטע מעזריטשער יידן פאַרלאָזן מעזריטש. זיי פאָרן קיין מערב־פוילן, קיין אויסלאַנד צו בויען נייע היימען. די אַלטע היים איז חרוב געוואָרן, און ווי ס׳ווייזט אויס וועט שוין קיין מאָל נישט אויפשטיין...

טרעבלינקע

1

אין אַ קליין שטעטעלע, גאַנץ פרי פאַר טאָג
הערט זיך אַ געשריי, אַ יאָמער, אַ קלאָג.
מענטשן משוגע, האַלב נאַקעט און בלויז,
פלוצים הערט מען: „יודן שנעל אַרויס!“

זשאַנדאַרמען, פּאָליציי, אוקראַינער פיל,
צו מאָרדן די יידן, דאָס איז זייער ציל,
זיי מאָרדן, זיי שלאָגן, אַ מורא, אַ שרעק,
מ׳פירט שוין די יידן צו דער באַן אַוועק.

און באַשרייבן קען קיין פעדער
ווי עס דרייען זיך די רעדער.
און די וואַגאָנען זיינען פול,
דאָרט פאָרן יידן אויף קידוש־השם
קיין טרעבלינקע, קיין טרעבלינקע!

2

די יידן אויפן באַן ווי הערינג געפּאַקט,
אַ שרעקלעכע היץ, טירן, פענצטער פאַרקלאַפּט,
יונג און אַלט, מאַן און ווייב
די קליידער פון שווייס צוגעקלעפּט צום לייב.



[illegible]

די וואַגאָנען פון וואַפנע, אַ שטויב, אַ גרויל,
פון ענגשאַפט אָן לופט טריקנט אין מויל.
שוואַכע שטימען בעטן ביינאַנד
וואַסער, וואַסער — דער גרעסטער פאַרלאַנג.

און מיט שוים אויף די ליפּן,
אַלץ פון זיך אַראָפּגעריסן
ליגן טויטע שוין אַ באַרג
אַזעלכע טראַנספּאָרטן גייען פול
קיין טרעבלינקע, קיין טרעבלינקע!

3

אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ים
קענען נישט פילן אונדזער ביטערן טעם.
זיי קענען נישט וויסן אונדזער ביטערער נויט,
אַז אונדז דערוואַרט יעדע מינוט דער טויט.

אָנגעפילט מיט ווייטאָג איז דאָס יידישע האַרץ
ווער קאָן פילן אונדזער שמאַרץ?
צו דער מלחמה וועט אַמאָל נעמען אַן עק
די וועלט וועט דערפילן דאָן אַ גרוילעכע שרעק.

קוואַלן טרערן וועלן רינען,
אַז מ׳וועט אַמאָל געפינען
דעם גרעסטן קבר אויף דער וועלט.
דאָרט רוען יידן מיליאָנען פול
אין טרעבלינקע, אין טרעבלינקע!

MGR. LEW FRYDMAN

Dos Lebn fun die Yidn in Mezritch unter der Deitscher Okupacie un seier Umkum.

LIFE OF THE JEWS IN THE MEZRITCHER GHETTO AND THEIR ANNIHILATION